# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXV No.8
APRIL, 1943

# The Seder Night

By Prof. SOLOMON BIRNBAUM

THE diagram which appears on this page has been drawn according to the specifications of the Shulchan Oruch (the official book of rules of the Jewish Orthodox Synagogue). It represents the Kaarah—the Passover Plate—upon which are placed the symbols illustrating the story of the redemption of enslaved Israel from Egypt. Noting the small figures in the diagram, the symbols represent the following:

1. Zroah—shank bone—the Goluth substitute for the Passover Lamb.
2. Beitza—egg—the symbol both of death and resurrection.
3. Maror—bitter herbs—in remembrance of Israel's bitter lot under Pharaoh's task masters.
4. Haroseth—apples and nuts and raisins and spices chopped into pulp and made to resemble the brownish clay from which bricks were made for the storehouses of Egypt.
5. Karpas—green herbs—to indicate the season of the year in which the Miracle of the Redemption took place; and
6. Another portion of Maror.

Then, beside the plate on Passover table there is

7. The dish of salt water—symbolizing the Sea through which the Redeemed people passed in safety, in which the Egyptians were drowned.
8. The cup of wine for each member of the family—the cup of Elijah, the forerunner of the Messiah; and lastly,
9. The Three Matzoth (not shown in diagram)—the unleavened bread—which one must imagine wrapped in a clean white napkin and resting underneath the Kaarah—the **Passover Plate.**

The elements on the plate, as we see, group themselves into two triads—groups of three. The essential remaining objects on the table (the salt water, the cup, the Matzoth) are also three. And in the napkin, the number of the Matzoth are again three. Whether all these four triads are mere coincidence, or have special significance, we are not prepared at present to discuss. In the following paragraphs we wish only to point out a few interesting particulars in the last of these triads—the three Matzoth, which form a vital part of the Seder.

First of all one might ask, "Why three?" The usual traditional number of loaves on the Jewish festive table is two, the two Challoth (loaves) of the Sabbath meal, an occasion which is central in Jewish custom, all other feasts merely being elaborations of the same. But here, on the Passover Table, contrary to the usual custom, we have **three** loaves.

### Explanations Which Do Not Satisfy

This unusual number has called forth several explanations. One is that the three Matzoth represent the three patriarchs of Israel, Abraham, Isaac and Jacob; another that they stand for the three groups within the Jewish nation, the Priests, the Levites and the common Israelites. However, these explanations are neither relevant nor satisfactory. They have nothing to do with the meaning or purpose of the Passover Feast, nor do they relate to any incident or event connected with the Passover season. Above all, they leave the most important feature unexplained, namely, why, in the course of the Seder, the middle Matzoth is first broken, then the larger piece of it—called Aphikomen—is wrapped in a white cloth and hidden, and finally, at the end of the meal, resurrected from its hiding place and shared among all the members of the family.

The Shulchan Oruch gives still another explanation, not expressed, to be sure, but implied. It is found in the instructions regarding the Aphikomen which direct that as a mark of esteem, it should be the larger part of the broken Matzo, because it represented the Passover Korban!

What, then, is the actual meaning of it all? The more we seek to discover the answer from the books or examples of the Rabbis, the more the puzzle grows; and we seek a solution in vain. Only when we open the New Testament, the Book which tells us the story of Jesus, does the answer suddenly become plain.

### The Only Satisfying Explanation.

This then, is what the three Matzoth tell us. The eternal and one God of Israel revealed Himself to mankind in three ways: As God the Father, as God the Saviour, as God the Holy Spirit. These three ways or modes of God's self-revelation to man are represented by the three Matzoth upon the Jewish Passover Table! What now happens to the middle Matzo—representing the second mode of God's Self-revelation, as God the Saviour—is a story in act of what has actually happened to the Lord Jesus Christ: The Matzo is broken. Jesus was crucified. The larger part of the Matzo, called Aphikomen—is wrapped in a clean white cloth and hidden away, which is exactly what was done to the Lord Jesus. He was taken down from the Cross and by loving hands wrapped in white linen grave clothes and placed in a tomb. But the Lord Jesus did not remain long in the grave. Like the Matzo which is soon taken out of its hiding place, He left the place of death and corruption. On the third day God raised Him up from the dead; and now, as risen and living Saviour, He—like the Aphikomen—is the Bread of life to all who believe on His name.




Symbols on the Passover Table

### Christians Also Celebrate

Among Christians there is also a Seder which is observed frequently to this day. It is called the Lord's Supper, and its chief elements are the bread and wine. When the bread is handed to the members of the family gathered around the table, the following words are repeated—words which the Lord Jesus Himself used when He gave the bread to His disciples on the first Christian Seder night!

"Take, eat, this is my body which is broken for you, this do in remembrance of me."

The conclusion therefore seems to be inevitable that this custom of the broken middle Matzo in the Jewish home origina-

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937. *PRINTED IN U. S. A.*

ted not with Gamaliel or Hillel—from anything that they did or said—but with the Lord Jesus and His disciples.

If, however, our conclusions thus far are still not yet convincing, please come with us a little further in the argument.

As mentioned above, the broken piece of Matzo is called Aphikomen. Again the question arises, "What has this outlandish un-Jewish word, 'aphikomen', to do with the Jewish Passover Seder?" It is neither Hebrew nor Aramaic, but a form of a Greek word, which means "to come." Some of the modern interpreters would have it that it means "dessert," that is, something that comes after the main meal. However, in giving this interpretation they not only do violence to the word itself, which would have to be "Ephi" instead of Aphi-Komen, they also contradict the Shulchan Oruch's idea that it represents the Korban Pesach, which undoubtedly was the most important part of the meal, not merely a dessert. What, then, is the true explanation of this name? The true explanation is found in simply transliterating the word in its Greek form, and then translating it. It means—I CAME.

Who came? The Messiah! Thus through the Broken Matzo, the most sacred symbol of the Jewish Passover Table, the Messiah speaks to the Jewish heart and home:

"I came that they might have life and have it more abundantly."

"I came to seek and to save that which is lost."

"I came a light into the world."

"I came not to destroy the Law and the Prophets, but to fulfill them."

But, if even after going with us to this point there is yet a lingering doubt in the mind of the Jewish reader with regard to the correctness at this our conclusion, we beg him to exercise a little more patience and follow us to the end of this argument.

This conviction that the source of the Jewish Seder is found in no other place but in the story of the Lord Jesus, the Jewish Messiah, is further corroborated by following otherwise altogether inexplicable features, connected with the custom of "Aphikomen".

### Does the Aphikomen Ever Disappear?

As it has been stated, the aphikomen is placed in hiding and is watched over, as it were, by all the family. Yet, in spite of the watchers, it often disappears from its hiding place! And the one who succeeds in secretly removing it from its original place is rewarded with the promise of a gift on Shewuoth—Pentecost.

Now again we ask, what is the meaning of this strangest of all customs in the Jewish Home on such a solemn occasion as the Seder night? Why the secrecy in removing the Aphikomen from its hiding place? Why reward such an act with a gift? And why wait with the bestowal of that gift for seven weeks till the day of Shewuoth?

There is absolutely no answer to this puzzle unless we again open the book of the New Testament and see what actually happened to the Lord Jesus.

When Jesus was put in the grave, the High Priests remembered that He had foretold that on the third day He would rise again. Though they being Sadducees, mocked at the idea of a man rising from the dead, yet they were afraid that the disciples of Jesus might steal the body at night and then start the rumor that their Messiah had risen from the dead. Therefore, the grave was sealed with the official seal and soldiers placed around it to make perfectly sure that no such thing would happen.

But a most extraordinary thing did happen! On the morning of the third day, in spite of the guards and the official seal, the grave was open and empty, and Jesus gone! The enemies of Jesus were at their wits' end. What did they do? They gave money to the guards to spread the rumor that the disciples of Jesus came by night and stole the body. However, that promise of a gift on the Seder night by the head of the family has nothing to do with this giving of money to the soldiers to start the false rumor. They received their bribe immediately, they did not have to wait till Shewuoth.

But the gift on the Seder night promised by the father of the family has to wait for its fulfillment to Shewuoth, seven weeks after Passover. Let us now again look into the story of Jesus and see what happened. After the Resurrection, the Lord Jesus met His disciples and was together with them for many (forty) days. While with them during those days, He said to them:

"Tarry in Jerusalem till ye receive the promise of the Father....Ye shall receive power after the Holy Ghost is come upon you and ye shall be my witnesses both in Judea and Samaria and to the uttermost parts of the earth."

This Promise of the gift of the Holy Spirit was fulfilled on Shewuoth! Read the Book of Acts, chapter 2.

Thus the riddle of the Jewish Seder is solved. This question, like many other Jewish and human questions, is solved in no other place but in this book, the New Testament, which came as the answer to man's deepest need.

### Who Originated the Seder?

In conclusion, there is yet one more question: How did this intensely Christian story of the suffering and death and resurrection of the Lord Jesus become so deeply involved in and mixed up with the Jewish Passover Seder?

The answer is: Both in the New Testament and in other books written of that period the statement is made that there were thousands (Acts 21:30 says **myriads)** of Hebrew Christians—that is Jews who believed in the Lord Jesus as their Messiah—in Palestine, who remained loyal members of the Jewish nation. Now, while the other Jews celebrated their Seder with the Passover Lamb according to the Law of Moses, these Hebrew Christians celebrated the same occasion with the Seder of the Bread and Wine, depicting in their ceremonial the suffering, death and resurrection of their Lord. Thus there were two kinds of Seder celebrations in Israel side by side, namely the Jewish Seder with the Passover Lamb, and the Hebrew Christian Seder with its Bread and Wine.

With the destruction of Jerusalem and the Temple in AD 70, the Jewish Seder ceased, and the only Seder which survived within the Jewish nation was that of the Hebrew Christians, who continued to be an integral part of the Jewish community. Thereupon, this Seder, the chief elements of which were the Bread and the Wine, became the nucleus of the Seder celebrations of all Israel, which by degrees adopted it and made it their own, unconscious of the real story it told, and the real message it conveyed—a story and a message which was not effaced even by all embellishments and practices and features which were subsequently added.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

Original work established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton Street

Brooklyn, N. Y.

## Visit Our Missions

**Pittsburgh, Pa.**: 5843 Forbes Street. **Philadelphia, Pa.**: 717 Walnut Street. **Buffalo, N. Y.**: 206 N. Park Avenue. **Seattle, Wash.**: 937 Twentieth Avenue. **Los Angeles, Calif.**: 2005 Brooklyn Avenue **Des Moines, Iowa**: 501 College Avenue. **Denver, Col.**: 1671 Washington St., **Columbus, Ohio**: 134 Clinton Heights Avenue. **Miami, Florida**: 502 N. Miami Avenue. **Montreal, Quebec, Canada**: 537 Laurier Avenue West. **Hamilton, Ontario, Canada**: 39 King William Street.

האַלטעניש, פונקט אַזוי האָט דער האַר ישוע פאַרלאָזען דעם פלאַץ פון טויט און פאַרדערבעניש; אויפ׳ן דריטען טאָג האָט איהם גאָט אויפגעוועקט פון די טויטע; און אַלס אַן ערוואַכטער און לעבעדיגער אויסלייזער איז ער, פונקט ווי דער אַפיקומן, דאָס ברויט פון לעבען פאַר אַלע יענע וואָס גלויבען אין זיין נאָמען.

## אויך קריסטען (משיחים) פייערען דעם סדר

אויך ביי קריסטען איז פאַראַן אַ סדר, וועלכער ווערט גאַנץ אָפט אָבגעהיט ביז צום היינטיגען טאָג. ער ווערט גערופען ״די סעודה פון דעם האַר״, און די הויפט געגענשטאַנדען פון דיזער סעודה זיינען מצות און וויין*. יעדערער פון די מיטגלידער, וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר די פאַמיליע פון ישוע און זיינען פאַרזאַמעלט אַרום דעם טיש, ברעכט אָפּ אַ שטיקעל פון אַ מצה און פאָלגענדע ווערטער ווערען איבערגע׳חזר׳ט — ווערטער, וועלכע דער האַר ישוע אַליין האָט באַנוצט, ווען ער האָט זיינע נאָכפאָלגער די מצות אויסגעטיילט אין דער ערשטער קריסטליכער סדר־נאַכט:

״נעמט, עסט, דאָס איז מיין קערפּער, וועלכער ווערט צעבראָכען פאַר אייך; טהוט דאָס אין מיין אנדענקען״.

דער אונפאַרמיידליכער רעזולטאַט ווייזט אויס צו זיין, אַז דיזער מנהג מיט דער צעבראָכענער מצה אין אידישע הייזער איז פאַרפאַסט געוואָרען ניט פון רבן גמליאל אָדער הלל, נאָר גאָר פון דעם האַר ישוע און זיינע נאָכפאָלגער.

עס איז שוין אויבען אָנגעוויזען געוואָרען, אַז די צעבראָכענע שטיק מצה ווערט גערופען ״אַפיקומן״. און ווידער אַמאָהל שווימט אַרויף די פראַגע: ״וואָס האָט דיזעס פרעמדע, ניט־אידישעס וואָרט ״אַפיקומן״ צו טהוען מיט דעם אידישען פסח־סדר?״ ס׳איז ניט העברעאיש און ניט אַראַמעאיש נאָר אַ פאָרם פון אַ גריכישען צייט־וואָרט וואָס מיינט ״צו קומען״. אַ טייל פון די מאָדערנע מפרשים (ערקלערער) ווילען האָבען אַז דאָס מיינט אַ ״נאָכשפּייז״, אַ מין צימעס, וואָס קומט נאָכ׳ן הויפט־מאָלצייט. אָבער, גיבענדיג דיזע ״דערקלערונג״, טהוען זיי ניט נאָר פאַרלעצען די גראַמאַטיקע פון וואָרט אַליין, נאָר זיי ווידערשפּרעכען דעם שלחן ערוך׳ס באַגריף, אַז דער אַפיקומן שטעלט מיט זיך פאָר דעם קרבן פסח, ווייל, נאָך אַלעמען, איז דאָך דער קרבן פסח, בלי ספק, געווען דער וויכטיגסטער טייל פון דער סעודה און ניט פשוט אַ צימעסעל.

וואָס־זשע דען איז די אמת׳ע דערקלערונג פון דיזען נאָמען ״אַפיקומן״? די איינציגע אמת׳ע דערקלערונג קען מען געפינען אין פשוט אויסלעגען דאָס וואָרט אין זיין גריכישער פאָרם, און דאַן איבערזעצען עס. דאָס וואָרט מיינט: ״איך בין געקומען״.

ווער איז געקומען? דער משיח.

דורך דער צובראָכענער מצה — דער הייליגסטער סימבאָל פון אידישען פסח־טיש — רעדט דער משיח צום אידישען האַרצען און צו דער אידישער היים און ער רופט:

״איך בין געקומען כדי זיי זאָלען האָבען לעבען, און זאָלען עס האָבען וואָס רייכער און טיפער״.

״איך בין געקומען אויפצוזוכען און צו ראַטעווען דאָס וואָס איז באַטראַכט אַלס פאַרלוירען״.

״איך בין געקומען אַלס אַ ליכט אין דער וועלט.״

״איך בין געקומען ניט צו פאַרניכטען די תורה און די נביאים, נאָר זיי צו פאַרפילען.״

דיזע אויספירונג, אַז דער מקור פון אידישען סדר געפינט זיך ניט אין קיין שום אַנדערען פלאַץ ווי נאָר אין דער געשיכטע פון דעם האַר ישוע, דעם אידישען משיח, ווערט נאָך ווייטער פאַרשטאַרקט פון די פאָלגענדע, אַנדערש אונערקלערבאַרע, ערשיינונגען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם מנהג פון ״אַפיקומן״.

ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרען ווערט דער אַפיקומן באַהאַלטען און ווערט געהיט פון דער גאַנצער משפחה. אָבער, טראָץ די אַלע היטערס און שומרים, פאַרשווינדט ער אָפּ פון זיין באַהעלטעניש! און יענער, וועמען עס געלונגט איהם (דעם אַפיקומן) פון זיין באַהעלטעניש אַוועק צו׳לקח׳נען, ווערט באַלוינט מיט אַ צוזאָג צו באַקומען אַ מתנה (פרעזענט) אויף יום־טוב שבועות.

און אַזוי אַרום קומען מיר ווידער אַמאָהל צו דער פראַגע: ״וואָס איז דער תמצית פון דיזען מאָדנעסטען און זאָנדערבאַרסטען פון אַלע מנהגים אין דער אידישער היים אין אַזאַ פייערליכע געלעגענהייט ווי די סדר־נאַכט?״ ״פון וואַנען נעמט זיך די גאַנצע געהיימניספולנעס ביים אַוועקנעמען דעם אַפיקומן פון זיין באַהעלטעניש״? ״פאַר וואָס באַלוינען אַזאַ מין אַקט מיט אַ מתנה?״ און ״וואָרום וואַרטען מיט׳ן אויסטיילען די מתנה גאַנצע זיבען וואָכען ביז דעם טאָג פון שבועות?״

ס׳איז פאָזיטיוו ניטאָ קיין צופרידענשטעלענדער ענטפער צו אָט דער פאַרפּלאָנטערטער רעטעניש, ביז מיר עפענען ווידער אַמאָל אויף דעם ספר ברית חדשה און זעהען וואָס איז אמת׳דיג פאָרגעקומען מיט דעם האַר ישוע.

ווען מ׳האָט ישוע׳ן אין קבר אַריינגעלייגט, האָט דער כהן גדול גוט געדענקט, אַז ישוע האָט פאָראויס געזאָגט, אַז אויפ׳ן דריטען טאָג וועט ער נאָך אַמאָהל ערוואַכען, און, אָבוואָהל יענע אידישע פירער, זייענדיג פון דער סעקטע צדוקים (סאַדוצעער, סקעפּטיקער), האָבען זיך אויסגעלאַכט פון דער אידעע, אַז אַ מענטש קען ערוואַכען פון די טויטע, האָבען זיי אָבער פאָרט מורא געהאַט אַז די נאָכפאָלגער פון ישוע קענען אַוועק׳גנב׳ענען זיין קערפּער ביי־נאַכט און דאַן פאַרשפּרייטען אַ קלאַנג אַז זייער משיח איז פון צווישען די טויטע אויפגעשטאַנען. דעריבער איז דער קבר פאַרזיגעלט געוואָרען מיט׳ן אָפיציעלען זיגעל, און סאָלדאַטען זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַרום דעם קבר כדי צו זיין הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז אַזאַ זאַך זאָל, בשום אופן, ניט קענען פּאַסירען. אָבער וואונדער איבער וואונדער! טראָץ די אַלע מיטלען פון פאַרזיכערונג, און טראָץ די היטערס און דעם אָפיציעלען זיגעל, איז, גאַנץ פרי, אויפ׳ן דריטען טאָג, דער קבר געפונען געוואָרען אָפען און לעדיג און ישוע איז נעלם געוואָרען.

די שונאים פון ישוע זיינען געבליבען געפּלעפט און האָבען זיך פאַרלוירען. וואָס־זשע האָבען זיי געטהוען? האָבען די פירער געלד געגעבען די סאָלדאַטען אַז זיי זאָלען פאַרשפּרייטען אַ קלאַנג אַז די נאָכפאָלגער פון ישוע זיינען געקומען ביי דער נאַכט און זיין קערפּער אַוועקגע׳גנב׳עט. אָבער דאָס מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז דער צוזאָג פון געבען אַ מתנה, וואָס ווערט געמאַכט אין דער סדר־נאַכט פונ׳ם קאָפּ פון דער פאַמיליע, האָט געוויס גאָר ניט צו טהוען מיט אָט דעם געלד געבען צו די סאָלדאַטען כדי צו פאַרשפּרייטען דעם פאַלשען קלאַנג. זיי האָבען זייער שוחד (באַשטעכונג, כאַבאַר) באַלד אויפ׳ן פלאַץ באַקומען; זיי האָבען ביז שבועות ניט באַדאַרפט וואַרטען. אָבער די פערזאָן, צו וועלכע די מתנה ווערט צוגעזאָגט ביים סדר־נאַכט, מוז וואַרטען ביז שבועות, גאַנצע זיבען וואָכען נאָך פסח. לאָמיר־זשע איצט נאָך אַמאָהל אַ קוק געבען אין דער געשיכטע פון ישוע און זעהען וואָס איז געשעהן.

נאָך זיין אויפשטעהונג, האָט דער האַר ישוע באַגעגענט זיינע נאָכפאָלגער און האָט מיט זיי פאַרבראַכט פיעלע (פערציג) טעג. אין פערלויף פון דער צייט, וואָס ער איז מיט זיי געווען צוזאַמען, נאָך זיין אויפשטעהען, האָט ער זיי געהייסען וואַרטען אין ירושלים. ער האָט זיי געזאָגט:

״וואַרט אין ירושלים ביז איהר וועט באַקומען די הבטחה פון פאָטער . . . איהר וועט באַקומען אַ קראַפט, נאָך דעם ווי דער רוח הקדש וועט זיך אַרונטערלאָזען אויף אייך, און איהר וועט עס זיין מיינע עדות אי אין יהודה, אי אין שומרון און ביז די אויסערסטע טיילען פון דער ערד.״

דיזע הבטחה איז דערפילט געוואָרען אין שבועות! (לייענט אין ברית חדשה ״אַפּאָסטעל־געשיכטע״ 2־טע קאַפּיטעל).

אַזוי אַרום איז די רעטעניש פון אידישען סדר געלעזט. דיזע פראַגע, פונקט ווי פיעלע אַנדערע אידישע און אַל־מענטשליכע פראַגען, ווערט פאָלשטענדיג געלעזט אין קיין אַנדער פלאַץ אַ חוץ אין דיזען ספר — דער ברית חדשה.

אַחרי־ככלות־הכל ווייסען מיר, אַז ס׳וועלען זיך געפינען פיעלע ערנסטע לעזער, ביי וועלכע ס׳וועט זיך ענטוויקלען די פאָלגענדע פראַגע:

״ווי אַזוי איז די געשיכטע פון ליידען, טויט און תחיה המתים פון ישוע אַריינגעדרינגען אין די מנהגים פון אידישען סדר?״

דער ענטפער איז פאָלגענדער:

די באַשטעטיגונג, וועלכע מיר געפונען אין ברית חדשה (שליחים כ״א:20) און אין אַנדערע היסטאָרישע ביכער, ענטדעקען דעם פאַקט, אַז אין דער פריהער צייט פון קריסטענטהום זיינען אין ארץ ישראל געווען פיעלע טויזענטער אידען־קריסטען (יהודים־משיחים), וועלכע האָבען זיך זעלבסט ניט אָפּגעטיילט פון דער שוהל און פונם אידישען פאָלק. אָבער ווייל די איבעריגע אידען האָבען געפייערט זייער יום־טוב מיט אַ קרבן פסח, האָבען די יהודים־משיחים, וועלכע אנערקענען דעם האַר ישוע אַלס דעם אמת׳ן זבח־פסח, געפייערט דיזע געלעגענהייט אַרום די איינדענקע פון מצות און וויין, באַגרינדעט ביי דעם האַר ישוע זעלבסט. (א׳ קאָרינטער י״א:24).

נאָכ׳ן חורבן בית־המקדש וירושלים האָבען די פייערונגען פון יום־טוב פסח, לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה, אינגאַנצען אויפגעהערט. דאָס איינציגע וואָס איז פאַרבליבען ביי אידען איז דער סדר פון די יהודים־משיחים, וועלכען דאָס אידישע פאָלק האָט ביסלעכווייז אָנגענומען מיט צוזעצע און באַפּיצונגען און, עד היום הזה, ווערט ער טראַדיציאָנעל אויסגעפירט אין דער אידישער היים.

---

* ווי פרעמד עס זאָל ניט זיין צום אידישען לייזער בלייבט עס דאָך אַ פאַקט, אַז ווען די אמת׳ע קריסטען טהוען אָפּריכטען די סעודה פון דעם האַר, נוצען זיי מצות און וויין.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אנכי הוא הרעה הטוב
יוחנן 10־11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל ל״ד, 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXV No.8
APRIL, 1943

# די סדר־נאַכט

פון פּראָפעסאָר סאלאמאָן בירנבוים

די צייכנונג, וועלכע ערשיינט אויף דער ענגלי־שער זייט פון דיזען פּייפּער איז געצייכענט גע־וואָרען לויט אַלע פּרטים פון שלחן ערוך.

זי שטעלט מיט זיך פאָר די קערה, אויף וועלכע מען לעגט אויס די סימבאָלען, וועלכע אילוסטרירען די געשעהענישען פון יציאת מצרים.

1. זרוע — דער פוס ביין — דער גלות־סוב־סטיטוט פאר דעם קרבן־פסח.
2. ביצה — איין איי — דער סימבאָל אי פון טויט אי פון דער ערוואכונג.
3. מרור — ביטערע קרייטעכצער — לזכרון פון ישראל׳ס ביטערען גורל אונטער פּרעה׳ס שקלאפען־טרייבער.
4. חרוסת — עפּעל, ניס, ראָזשינקעס און בשמים צעהאקט אזוי ווי א קאשע און אייג־ליך אויף ברוינע ליים, פון וועלכען עס זיינען געמאכט געוואָרען ציגעל פאר׳ן בויען פון פּתם און רעמסס.
5. קרפּס — גרינע קרייטעכצער — צו פאר־צייכנען דעם סעזאָן פון יאָהר, דעם זמן־הרותנו, אין וועלכען די וואונדער פון דער דערלייזונג זיינען פאָרגעקומען; און
6. נאָך א פאָרציע מרור.

אַ חוץ דער קערה געפונען זיך אויפ׳ן פסח־טיש אויך:

7. די שיסעל מיט זאלץ־וואסער — סימבאָ־ליזירענדיג דעם רויטען געזאלצענעם ים — דורך וועלכען דאָס אויסגעלייזטע פאָלק איז אדורכגעגאנגען בשלום, און אין וועלכען די מצרים זיינען דערטרונקען געוואָרען.
8. דער כוס וויין פאר איטליכען מיטגליד פון דער פאמיליע, און דער כוס של אליהו — דער אָנזאָגער פון משיח׳ן; און ענדליך
9. די דריי מצות, דאָס ניט געזויערטע ברויט.

דיזע מצות זיינען איינגעוויקעלט אין אַ ריינעם, ווייסען האַנטוך און ליגען אונטער די קערה.

ווי מיר זעהען, גרופּירען זיך די געגענשטאַנ־דען אויף די קערה אין צוויי גרופּען פון דריי. די אַנדערע וויכטיגע געגענשטאַנדען אויפ׳ן טיש, נעמ־ליך, דאָס זאַלץ־וואַסער, דער כוס און די מצות, זיי־נען אויך דריי; און אין האַנטוך איז די צאָל פון די מצות ווידער אַמאָל דריי. אויב די אַלע פיר טראַ־קעס (גרופּען פון דריי) זיינען איינפאַכע צופאַלען אָדער זיי באַזיצען אַ ספּעציעלע מיינונג, זיינען פראַ־גען, וועגען וועלכע מיר זיינען אין דעם איצטיגען מאָמענט ניט גרייט צו דיסקוטירען. אין די פאָל־גענדע פאַראַגראַפען ווילען מיר נאָר אָנווייזען אויף איניגע אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען אין דער לעצטער פון דיזע טראָיקעס, נעמליך, די דריי מצות וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר אַ זעהר וויכטיגען טייל פון סדר.

קודם כל קען מען פרעגען: ״ווארום דוקא דריי״? די געוועהנליכע טראַדיציאָנעלע צאָהל פון חלות, וואָס ווערט גענוצט אויף אידישע יום־טוב׳־דיגע סעודות, איז צוויי, למשל ווי די צוויי חלות פון שבת׳דיגער סעודה — אָבער דאָ, אין דעם פאַל פון פסח־טיש, להיפך פון געוועהנליכען מנהג, נוצען די אידען דריי מצות.

דיזע אויסערגעוועהנליכע צאָהל פון דריי האָט אַרויסגערופען איניגע ערקלערונגען, איינע איז, אַז די דריי מצות שטעלען מיט זיך פאָר די דריי אָבות פון ישראל, נעמליך, אברהם יצחק און יעקב. אַן אַנדערע ערקלערונג זאָגט, אַז די דריי מצות רעפּרעזענטירען די דריי גרופּען אין דעם אידישען פאָלק, נעמליך, די כהנים, לויים און די איינפאַכע ישראלים. דיזע ערקלערונגען אָבער האָבען קיין שום שייכות ניט מיט׳ן ענין פסח און האָבען, בשום אופן, גאָר ניט וואָס צו טהוען מיט די געשעהענישען אָדער מיט׳ן צוועק פון דעם יום־טוב פסח. אָבער הויפּט־זעכליך פאַרפעהלען דיזע ״ערקלערונגען״ אונז קלאָר צו מאַכען די וויכטיגסטע זאַך אין דער גאַנ־צער צערעמאָניע, נעמליך, וואַרום ווערט, אין פאַר־לויף פון סדר, די מיטעלסטע מצה די ערשטע צו־בראָכען, דאַן ווערט די גרעסערע שטיק פון דער מצה (אָנגערופען ״אפיקומן״) איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען טיכעל און באַהאַלטען; און צו ענדע, נאָכ׳ן עסען, שטעהט דער אַפּיקומן אויף תחית המתים פון זיין באַהאַלטענעם פּלאַץ, און אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע עסען פון איהם.

דער שלחן ערוך גיט נאָך אָן אַן אַנדער ער־קלערונג, וועלכע ווערט, דעם אמת זאָגענדיג, ניט דירעקט אַזוי אויסגעדריקט, אָבער זי מוז אַזוי פאַר־שטאַנען ווערען. דיזע ערקלערונג ווערט געפונען אין די אזהרות (באַלערונגען) בנוגע דעם אַפּיקומן, אין וועלכע עס ווערט פאָראָרדענט אַז, אַלס אַ סימן פון גרויס אַכטונג, זאָל דער אַפּיקומן זיין דער גרע־סערער טייל פון דער צעבראָכענער מצה, ווייל דאָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם קרבן פסח.

וואָס־זשע דען איז דער אמת׳ער תמצית פון דעם אַלעמען?

וואָס מעהר מיר זוכען צו דערגעהן אַ צופרי־דענשטעלענדיגען ענטפער פון די ספרים אָדער די ביישפּילען פון די רבנים, אַלץ מעהר ווערען מיר פאַרווירט. נאָר, ווען מיר עפענען דאָס ספר ברית חדשה, ווערט דער ענטפער מיט אַמאָל פאָלקאָמען קלאָר.

דאָס איז, אַלזאָ, וואָס די דריי מצות דערציילען אונז:

דער עביגער און איינציגער גאָט פון ישראל האָט זיך באַוויזען צו דער מענטשהייט אויף דריי אופנים, נעמליך: אַלס גאָט דער פאָטער — אַלס גאָט דער אויסלייזער — און אַלס גאָט דער רוח הקדש.

די דריי מצות אויפ׳ן אידישען פסח־טיש רעפּרע־זענטירען דיזע דריי אופנים פון גאָט׳ס זעלבסט־ענטפּלעקונג צום מענטשען. דאָס וואָס עס געשעהט ביים סדר צו דער מיטעלסטער מצה, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם צווייטען אופן פון גאָט׳ס זעלבסט־ענטפּלעקונג — אַלס גאָט — דער אויסלייזער, דאָס איז אַ פּאַסירונג וואָס איז טאַקע באמת׳דיג געשעהן מיט דעם האַר ישוע המשיח. די מצה ווערט צעבראָכען — ישוע איז געקרייציגט געוואָרען.

דער גרעסטער טייל פון דער מצה, וועלכער ווערט אָנגערופען ״אַפּיקומן״, ווערט איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען, ריינעם טיכעל און ווערט באַהאַלטען, פּינקטליך וואָס ס׳איז געטהון געוואָרען צום האַר ישוע המשיח. ער איז פון׳ם קרייץ אַרונטערגענומען געוואָרען, איינגעוויקעלט געוואָרען אין ווייסע תכריכים און אַוועקגעלעגט געוואָרען אין אַ קבר.

אָבער דער האַר ישוע איז לאַנג אין קבר ניט געבליבען. אַזוי ווי דער אַפּיקומן, וועלכער ווערט באַלד אַרויסגענומען פון זיין באַ־

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937. *PRINTED IN U. S. A.*